# שלח

א. אויפן פסוק „שלח לך אנשים" זאָגן חז"ל[1] „שלח לך — לדעתך[2]", אַז דער שילוח המרגלים איז געווען אָפּ־הענגיק אין דעתו של משה, אָבער „אני איני מצוה אותך"[3].

דאַרף מען פאַרשטיין:

משה רבינו איז דאָך געווען אַן עבד נאמן פון אויבערשטן[4]. איז דערפון פאַר־שטאַנדיק, אַז דאָס וואָס דעתו של משה איז געווען צו שיקן די מרגלים, איז עס דערפאַר וואָס אַזוי איז געווען דעתו של אדונו (דעם אויבערשטן). און ווי דער פסוק[5] איז מעיד „וישלח אותם משה גו' על פי ה'" — ברשותו של הקב"ה[6]. הייסט עס, אַז דער ענין פון שילוח המרגלים (מצד עצמו) איז אַ דבר טוב ורצוי[7],

[און ווי דער רמב"ן[8] איז מבאר, אַז דער דרך הרגיל פון איינגעמען אַ לאַנד איז דורך שיקן פריער מרגלים צו אויס־געפינען וואָס עס איז דער בעסטער און גרינגסטער וועג „לכבוש את הארץ"; און וויבאַלד אַז אין סומכין על הנס און מען דאַרף זיך גרייטן למלחמה בדרך הטבע — האָט משה רבינו מסכים געווען צו שיקן די מרגלים].

איז ניט פאַרשטאַנדיק: פאַרוואָס האָט דער אויבערשטער דאָס תולה געווען אין דעתו של משה, און ניט אַליין מלכתחילה אָנגעזאָגט אויף דעם?

אויך דאַרף מען פאַרשטיין:

בנוגע די מרגלים זאָגט רש"י[9] „אותה שעה כשרים היו". און ווי פאַרשטאַנדיק אויך בשכל הפשוט, אַז אויב משה רבינו האָט זיי אַליין אויסגעקליבן, זיינען זיי געווען (ניט נאָר „כשרים" בכלל, נאָר) די אַמבעסטן צוגעפּאַסטע פאַר דער דאָזיקער שליחות.

איז ווי קומט עס, אַז ביי זיי איז גע־וואָרן אַזאַ גרויסער שינוי, מן הקצה אל הקצה, אַז ניט נאָר האָבן זיי די שליחות ניט דורכגעפירט כדבעי, נאָר זיי האָבן דורך דעם געבראַכט אויף אידן אַ „בכי' לדורות"[10]?

ב. וועט מען דאָס פאַרשטיין בהקדם הביאור אין דעם וואָס מען געפינט, אַז די שליחות איז (בכללות) באַשטאַנען פון צוויי ענינים:

א) צו אויסגעפינען די פרטים וועל־כע זיינען נוגע צו דעם כיבוש הארץ — „וראיתם גו' החזק גו' המעט גו' הבמחנים גו'"[11].

ב) צו אויסגעפינען די פרטים וועגן דער לאַנד גופא — „הטובה היא גו' השמנה היא גו'"[12]. און עד כדי כך איז געווען נוגע אַט דער (צווייטער) טייל

1) סוטה לד, רע"ב. ועד"ז בתנחומא פרשתנו ה (בסופו). במדב"ר פט"ז, ח. הועתק בפרש"י עה"ת עה"פ.

2) כ"ה בעי"י, פרש"י עה"ת ועוד. ובגמ' לפנינו „מדעתך". ובתנחומא ובמדב"ר שם: לעצמך.

3) רש"י סוטה שם. ועד"ז בפירושו עה"ת עה"פ.

4) ראה בהעלותך יב, ז.

5) פרשתנו יג, ג.

6) רש"י עה"פ.

7) ראה גם אוה"ח ריש פרשתנו.

8) ריש פרשתנו.

9) פרשתנו יג, ג. ומקורו בתנחומא פרשתנו ד. במדב"ר פט"ז, ה. זח"ג קנח, סע"א.

10) תענית כט, א.

11) פרשתנו שם, יח־יט.

12) שם, יט־כ.

פון זייער שליחות, אַז משה האָט זיי אָנגעזאָגט „והתחזקתם ולקחתם מפרי הארץ"[13]: אע"פ אַז דורך מיטנעמען „מפרי הארץ" שטעלן זיי זיך איין אין סכנה (אַז מ'וועט קענען דערקענען אַז זיי זיינען מרגלים[14]), זאָלן זיי, פונדעסט־וועגן, זיך שטאַרקן און אָנשטרענגען און ברענגען „מפרי הארץ".

איז ניט גלאַטיק: אמת טאַקע אַז אינה דומה ראי' לשמיעה[15], און דעריבער, ניט קוקנדיק וואָס דער אויבערשטער האָט שוין דערציילט אידן אַז ארץ ישראל איז אַן „ארץ טובה ורחבה גו' ארץ זבת חלב ודבש"[16] און אידן זיינען דאָך „מאמינים בני מאמינים"[17] [ובפרט אַז מען דאַרף דערביי ניט אָנקומען צו אמונה, וואָרום זיכער האָבן „הדרים במצרים" גע־וואוסט וואָס עס טוט זיך אין ארץ ישראל[18]] — קומט עס אָבער ניט צו ראיית פירות הארץ, וואָס וואָלט גורם געווען ביי אידן אַ שמחה יתירה („לעלות שם בשמחה"[19]),

פונדעסטוועגן, צי דען איז דאָס אַזוי נויטיק, ביז צו איינשטעלן איבער דעם די לעבנס פון די מרגלים?!

ג. איינער פון די ביאורים אין דעם:

הגם אַז דער יסוד פון קיום התורה איז הקדמת נעשה לנשמע[20], אף על פי כן איז „נעשה" אַליין ניט מספיק, נאָר עס מוז אויך זיין (נאָכן „נעשה") „ונשמע"[21] — מלשון הבנה (כמו: דבר כי שומע עבדך[22]).

און אַזוי איז דאָס אויך בשייכות צו כניסה לארץ ישראל: דער אויבערשטער האָט טאַקע געזאָגט אידן אַז זי איז אַן ארץ טובה ורחבה גו' — אָבער דער אויבערשטער וויל אַז אידן זאָלן איינזען דעם גוטס פון ארץ ישראל אויך בשכלם הם.

און דעריבער האָט משה רבינו גע־הייסן ברענגען מפרי הארץ, כדי אַז דער רצון פון אידן צו גיין קיין ארץ ישראל זאָל זיין (ניט נאָר ווייל אַזוי האָט דער אויבערשטער געהייסן ובמילא פאָלגן זיי דעם ציווי ה' (נעשה) — נאָר) אויך מצד זיי אַליין, זיי פאַרשטייען אַז מ'דאַרף וועלן גיין קיין ארץ ישראל, ווייל זי איז די אמת'ע ארץ טובה ורחבה.

און די זעלבע זאַך איז בנוגע דעם (ערשטן) טייל פון זייער שליחות — צו אויסגעפינען אין וועלכן וועג מ'זאָל כובש זיין ארץ ישראל, אַז די כוונה דערביי איז געווען אַז אידן זאָלן איינ־זען בשכלם ווי „יכול נוכל לה"[23].

און דאָס איז אויך דער טעם פאַר־וואָס דער אויבערשטער האָט ניט אָנגע־זאָגט אויף שילוח המרגלים, נאָר „שלח לך — לדעתך". היות אַז דער מכוון פון שילוח המרגלים איז צו אויפטאָן ביי אידן דעם „נשמע" בנוגע דער כניסה לארץ, איז דעריבער אויך דער שילוח גופא געקומען אין אַן אופן פון „לדעתך" — אַז מען טוט עס ווייל אַזוי דאַרף זיין

13) שם, כ.
14) רמב"ן וספורנו עה"פ.
15) ראה מכילתא יתרו יט, ט.
16) שמות ג, ח. ועוד.
17) שבת צז, א.
18) ראה רמב"ן ריש פרשתנו הנ"ל בפנים.
19) לשון הרמב"ן שם.
20) ראה שבת פח, א.

21) וזהו אחד מהביאורים בזה שלא הספיקה אמירת „נעשה" (משפטים כד, ג), והוצרכה להיות עוד אמירה „נעשה ונשמע" (שם, ז).
22) ש"א ג, ט־י.
23) פרשתנו יג, ל.

מצד דעת (און ניט בלויז אין אַן אופן פון „נעשה", ווייל „אני מצוה לך").

ד. דערמיט וועט מען אויך פאַרשטיין ווי אַזוי די מרגלים — וואָס „אותה שעה כשרים היו" — האָבן געקענט אַזוי דורכפאַלן, ביז צו זאָגן „לא נוכל לעלות"[24]:

וויבאַלד אַז דער ענין השליחות איז געווען — דער „נשמע", צו אויספאָרשן די זאַך פון כניסה לארץ ע"פ שכל, האָט דעריבער געקענט ביי זיי ווערן אַ טעות אין שיקול הדעת

— וואָרום אַלץ וואָס די מרגלים האָבן געזאָגט וועגן א"י והיושבים בה — „עז העם . . וגם ילידי הענק גו'"[25] — איז דאָך געווען אמת[26]. און אויך זייער מסקנה, אַז „לא נוכל לעלות" (ע"פ טבע קען מען ניט כובש זיין א"י) האָט אַן אָרט אין שכל.

קומט אויס, אַז די מרגלים האָבן (לדעתם) מקיים געווען די שליחות אויף וועלכער זיי זיינען געשיקט געוואָרן.

דער טעות זייערער איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס זיי האָבן (בכלל) מוסיף געווען אַ מסקנה, „לא נוכל לעלות": משה רבינו האָט ביי זיי מלכתחלה ניט געפרעגט צי מען קען איינגעמען א"י אָדער ניט. ער האָט זיי בלויז געשיקט צו אויסגעפינען ווי אַזוי איז לייכטער איר צו כובש זיין;

ואדרבה: פון דעם גופא וואָס משה האָט זיי געשיקט לתור את הארץ, אויסצופאָרשן ווי צו כובש זיין א"י, איז געווען אַ הוכחה, אַז „יכול נוכל לה" אויך בדרך הטבע[27],

[ווייל אויב די כניסה לארץ איז באופן נסי, האָט דאָך ניט קיין אָרט דער ענין פון שיקן מרגלים].

קומט אויס, אַז זייער זאָגן „לא נוכל לעלות" איז ניט נאָר אַ הוספה אויף דער שליחות, נאָר נאָכמער — ס'איז היפך השליחות.

ה. תורה איז מלשון הוראה[28]. איז דערפון פאַרשטאַנדיק, אַז אין תורה איז אויך פאַראַן די אָנווייזונג ווי זיך צו באַוואָרענען פון טעות המרגלים.

וואָס איז די עצה?

דער שם הסדרה (לויט מנהג ישראל) איז „שלח"[29], מלשון שליחות.

אַ איד דאַרף וויסן, אַז אויך ווען ער פאַרנעמט זיך מיט דער עבודה פון „נשמע", פאַרשטיין בשכלו, „לדעתך" — דאַרף ער כסדר געדענקען אַז ער טוט עס אַלס אַ שליח פון משה — ניט ווייל אים ווילט זיך פאַרשטיין די זאַך, נאָר ווייל אַזוי איז דער רצון העליון.

און דעמולט איז מען באַוואָרנט ניט נאָר מיט דעם „נעשה" נאָר אויך מיט דעם „נשמע" — דאָס פאַרזיכערט אַז דער שכל וועט זיין אַ שכל אמיתי און קומען צו דער מסקנה אמיתית.

די זאַך פון שכל איז — צו אויסגעפינען ווי דער מושכל איז לאמיתתו.

24) שם, לא.

25) שם, כח. וכן שם לב־לג.

26) ראה רמב"ן שם. לקו"ש חלק ח"י ע' 142 ואילך.

27) ומה שענה כלב (שם, ל) „עלה נעלה" — „אפילו בשמים כו'" (רש"י שם. וראה רש"י שם לפנ"ז: קרע לנו את הים כו'. נת' בלקו"ש ח"ח ע' 88 ואילך), למעלה מן הטבע — הוא רק לפי דבריהם שע"פ טבע „לא נוכל לעלות", שלו יהא כדבריהם „עלה נעלה גו' יכול נוכל לה".

28) זח"ג נג, ב.

29) וברמב"ם (סדר תפלות לכל השנה) — שלח לך.

מען דארף מבטל זיין אלע אייגענע נטיות וכו׳, און זיך צוטראָגן צו דער זאַך וואָס מען וויל פאַרשטיין.

בשעת איינער טוט אין אַן ענין בשכלו צוליב זיין אייגענעם געשמאַק וכו׳, דעמולט איז רעכט, אַז עס זאָלן זיך אַריינמישן די אייגענע נטיות וכו׳, ביז אַז ער וועט פרואוון „צופּאַסן״ די מציאות צו זיין דיעה.

וואָס דאָס איז איינער פון די ביאורים אין ענין השוחד, וואָס תורה זאָגט אַז „השוחד יעור עיני חכמים ויסלף דברי צדיקים״[30]. דלכאורה:

וויבאַלד אַז תורת אמת איז מעיד אַז עס רעדט זיך וועגן „חכמים״ און „צדיקים״, זיינען זיי דאָך חכמים און צדיקים אמיתיים. היינט ווי קומט עס אַז זיי זאָלן מלכתחלה נעמען שוחד?

נאָר — ווייל דער ענין השוחד איז (ניט נאָר וואָס מען נעמט געלט (וכיו״ב) און דערפאַר וועט מען זאָגן אַן אָפּענ־נעם שקר, נאָר) — וואָס מען טראַכט ניט וועגן דער מציאות ווי זי איז, נאָר מען טראַכט וועגן זיך און דער אייגע־נער מציאות[31]. וואָס דעמולט קען מען ניט האָבן קיין הבנה אמיתית אין דעם מושכל, ווי ער איז באמת.

און דאָס איז געווען די סיבה פון דער (טעות ו)נפילה פון די מרגלים: ביי זיי האָט געפעלט אין דעם ביטול צו משה רבינו אין אַן אופן אַז דאָס זאָל דער־הערט ווערן אויך בשעת זיי זיינען פאַר־נומען מיט אַן ענין פון „ונשמע״, לתור את הארץ.

און וויבאַלד אַז זיי האָבן „געפילט״ זייער מציאות, דעריבער האָט די ראיית „הנפילים בני הענק״ געוואָרפן אויף זיי אַ פחד ביז „ונהי בעינינו כחגבים״[32], און דאָס איז געוואָרן אַן ענין פון שוחד וואָס האָט מטה געווען זייער שכל, ביז צו זאָגן „לא נוכל לעלות״.

בשעת אָבער מען געדענקט אַז מ׳איז אַ שליח („שלח״), וואָס שלוחו של אדם כמותו[33] — אַ שליח האָט ניט קיין אייגענע מציאות נאָר זיין גאַנצע מציאות איז די מציאות המשלח[34],

און אין דערויף גופא, איז מען שלוחו של משה, וואָס משה רבינו איז מדת האמת[35]: מען בלייבט צוגעבונדן צו משה רבינו (מדת האמת) און מען טרעט פון אים ניט אָפּ; מען טראַכט די גאַנצע צייט (ניט וועגן זיך, נאָר) אַז מען גייט אין משה רבינו׳ס אַ שליחות,

דעמאָלט ווערט מען ניט משוחד, ובמילא פירט מען אויס די שליחות פון לתור את הארץ (וואָס פאָדערט אַ שכל והבנה אמיתית) בשלימות, און מען זאָגט[36] „טובה הארץ אשר ה״א נותן לנו״,

און דאָס ברענגט דערנאָך דעם כיבוש הארץ לגבולותי׳, ביז צום קיום היעוד[37] אַז „ירחיב ה״א את גבולך״,

בביאת משיח צדקנו, במהרה בימינו ממש.

(משיחת ש״פ שלח תשל״ג)

---

30) שופטים טז, יט.

31) עיין סה״מ עת״ר ע׳ קו.

32) פרשתנו יג, לג.

33) ברכות לד, ב (במשנה). וש״נ.

34) ראה בארוכה לקח טוב (להר״י ענגל) בתחלתו — ג׳ האופנים בשליחות. לקו״ש חכ״ב ע׳ 161.

35) ראה סנהדרין קיא, א: מדת אמת ראה. שמו״ר פ״ה, י. ועוד.

36) דברים א, כה. ולהעיר שלא הוזכרו שם דברי (שאר) המרגלים. וראה שיחת מוצאי ש״פ שלח תשל״ט.

37) ראה יב, כ. שופטים יט, ח.

# שלח ב

א. שוין גערעדט פיל מאָל[1], אַז רש״י בפירושו על התורה שטעלט זיך אָפּ אויף יעדער ענין וואָס איז שווער אָדער פאַרדערט ביאור אין פשוטו של מקרא [און ווען רש״י האָט ניט קיין הסברה אויף אַן ענין בפשש״מ שרייבט ער „איני יודע״[2] וכיו״ב].

ולכן, בשעת מען געפינט אַ שוועריקייט אין פשט הכתובים און רש״י שטעלט זיך ניט אָפּ אויף דעם, מוז מען זאָגן, אַז ע״פ פשש״מ איז דאָס מלכת־חילה קיין קשיא ניט, ווייל ע״ד הפשט איז עס מובן מעצמו, אָדער ווייל דאָס ווערט באַוואָרנט דורך אַ פריערדיקן פירוש פון רש״י.

לפ״ז דאַרף מען פאַרשטיין בפרשתנו, וואו ס׳איז דאָ אַ שוועריקייט אין פשט הכתובים וואָס וואַרפט זיך אין די אויגן אויף פון אַ בן חמש למקרא, און מ׳זעט ניט אַז רש״י זאָל דאָס פאַרענטפערן[3].

ב. נאָך דעם ווי די מרגלים האָבן זיך אומגעקערט מתור הארץ און האָבן געזאָגט „לא נוכל לעלות אל העם כי חזק הוא ממנו״[4] און די אידן האָבן ניט געוואָלט גיין קיין א״י, האָט דער אויבערשטער געזאָגט[5] „אכנו בדבר ואורישנו ואעשה אותך לגוי גדול ועצום ממנו״, און אויף דעם האָט משה געזאָגט[6] צום אויבערשטן „ושמעו מצרים כי העלית בכחך את העם הזה מקרבו . . והמתה את העם הזה כאיש אחד ואמרו הגוים גו׳ מבלתי יכולת ה׳ להביא את העם הזה אל הארץ אשר נשבע להם וישחטם במדבר״.

איז אינגאַנצן ניט פאַרשטאַנדיק[7]: ווי קומט עס, וואָס וועגן דעם ענין פון „אכנו גו׳ ואורישנו גו״ פון אַלע אידן — ששים רבוא לבד הנשים והטף (און אנשים למטה מבן כ׳ ולמעלה מבן ששים)[8] — האָט משה ניט אויסגעדריקט קיין געוואַלדיקע טענה ותביעה — און זיין גאַנצע טענה איז געווען נאָר דאָס וואָס „ואמרו הגוים . . מבלתי יכולת ה׳ גו״״?!

יעדער איינער פאַרשטייט (אפילו אַ קינד), אַז דער אומקום פון אַזויפיל מענטשן וועט אפילו אַ בשר ודם אַנרירן אַ סך מער ווי דאָס וואָס אַנדערע וועלן זאָגן וועגן אים; ופשיטא ווען מען רעדט וועגן דעם אויבערשטן ובשייכות צו נבראים וואָס ער האָט זיי באַשאַפן[9], ועאכו״כ בנוגע אידן וואָס זיינען „בנים למקום״[10] און ער האָט זיי אַרויסגענומען פון מצרים און אויסגעקליבן זיי פאַר אַן עם סגולה וכו׳[11] — און דאָ קומט משה רבינו, וואָס ער איז דער וואָס האָט געפירט די אידן ביז אַהער,

---

1) ראה לקו״ש ח״י ע׳ 13 ובהנסמן שם.

2) תולדות כח, ה. ובכ״מ (ראה לקו״ש ח״ה ע׳ 1 הערה 2. ושי״נ).

3) אף שכמה מפרשי התורה עמדו ע״ז, כדלקמן.

4) יג, לא.

5) יד, יב.

6) שם, יג ואילך.

7) וראה אברבנאל כאן השאלה הג׳. רבינו בחיי כאן יג־יד.

8) ראה לקו״ש חי״ט ע׳ 18. ושי״נ.

9) שנאמר ע״ז (בראשית ו, ו) „ויתעצב אל לבו״, „נתאבל על אבדן מעשה ידיו״ (פרש״י שם).

10) שמות ד, כב. כג. ראה יד, א.

11) יתרו יט, ה.